# פראגראם רעפערעל

**קאונטי וואו קינד וואוינט:** ______________________

**קינד'ס דאטום פון רעפערעל:** (יאר/טאג/מאנאט) _____ /_____ /_____

☐ **טייל 1:** נויטיגע אינפארמאציע (מיט צייכענען די קעסטל, צייגט די מוניציפאליטעט אז זיי האבן באקומען באשטעטיגונג פון די מקור פון די רעפערעל אז די עלטערן/לעגאלע גארדיען איז אנגעפרעגט געווארן, און האט זיך נישט קעגנגעשטעלט צום רעפערעל)

## קינד אינפארמאציע

**קינד'ס נאמען:**

______ ______ ______
לעצטע נאמען | ערשטע נאמען | מיטל נאמען

**מין:** ☐ מאן ☐ פרוי

**קינד'ס אדרעס:** (גאס, דירה נומער) ______________________

**דאטום פון געבורט:** (יאר/טאג/מאנאט) ______ /______ /______

**הויפט שפראך אדער מיטל פון קאמיוניקאציע:**

______ ______
קינד | עלטערן/לעגאלע גארדיען

**עטניסיטי:**
☐ היספאניש אדער לאטינא
☐ נישט היספאניש אדער לאטינא

**ראסע:** (וועלט אויס מער ווי איינס אויב גילטיג)
☐ אמעריקאנער אינדיאנער אדער נעיטיוו אלאסקער
☐ אזיאנער
☐ שווארץ אדער אפריקאן אמעריקאן
☐ נעיטיוו פון האוואי אדער אנדערע פאציפישע אינזלען
☐ ווייס

**סיבה פאר רעפערעל:** ביטע צייכנט בלויז איינס)

☐ **1. פארדעכטיגט** די קינד איז רעפערירט ווייבאלד ער/זי איז פארדעכטיגט צו האבן אן אנטוויקלונג פארשפעטיגונג אדער דיסאביליטי.

☐ **2. באשטעטיגט** די קינד איז רעפערירט ווייבאלד ער/זי האט א באשטעטיגטע דיסאביליטי (דיאגנזירטע פיזישע אדער גייסטישע צושטאנד וואס האט א הויכע מעגליכקייט פון פאראורזאכן פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג).

☐ **3. אין ריזיקע** די קינד איז **נישט** פארדעכטיגט צו האבן א דיסאביליטי אין דעם צייט אבער ווערט רעפערירט ווייבאלד ער/זי איז **אין ריזיקע** פון האבן א דיסאביליטי (ד.מ., ריזיקע באדינגונגען אויסגערעכנט אין רעגולאציע, CAPTA רעפערעלס, אדג.).

☐ **4. אין ריזיקע**קינד איז נישט ערפאלגליך אריבער ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט און האט נישט באקומען די נויטיגע פאלאו-אפ.

## מקור פון רעפערעל אינפארמאציע

**מקור פון רעפערעל אינפארמאציע:**

______ ______
ערשטע נאמען | לעצטע נאמען

אגענטור/פאסיליטי נאמען: ______________

אדרעס: ______________

טעלעפאן: (_____) ______-______ עקסטענשן ______

פאקס: (_____) ______-______

אימעיל: ______________

**סארט מקור פון רעפערעל:** (ביטע צייכנט בלויז איינס)

☐ עלטערן/לעגאלע גארדיען
☐ אנדערע פאמיליע מיטגליד (שילדערט) ______________
☐ קינד'ס הויפט העלטקעיר פראוויידער
☐ שפיטאל אדער קליניק
☐ קאמיוניטי פראגראם/EIP פראוויידער
☐ אנדערע (שילדערט) ______________

## עלטערן'ס/לעגאלע גארדיען קאנטאקט אינפארמאציע

**עלטערן/לעגאלע גארדיען נאמען:**

______ ______
לעצטע נאמען | ערשטע נאמען

היים: (____) ______-______ סעלפאן: (____) ______-______

ארבעט: (____) ______-______

אדרעס:

______________
גאס, דירה נומער

______ ______
סיטי | זיפ קאוד

**עלטערן/לעגאלע גארדיען נאמען:**

______ ______
לעצטע נאמען | ערשטע נאמען

היים: (_____) ______-______ סעלפאן: (_____) ______-______

ארבעט: (_____) ______-______

אדרעס:

______________
גאס, דירה נומער

______ ______
סיטי | זיפ קאוד

**קעירגעבער/צווייטער קאנטאקט נאמען:**

______ ______
לעצטע נאמען | ערשטע נאמען

טעלעפאן נומער: (_____) ______-______

**פארבינדונג צום קינד:**

☐ זיידע/באבע
☐ פאסטער עלטערן

אנדערע: ______________

**קינד'ס נאמען:** ______________________ ______________________ **טאג פון געבורט:** ______ / ______ / __________

לעצטע נאמען ערשטע נאמען יאר טאג מאנאט

**טייל 2: די פאלגנדע אינפארמאציע פאדערט אינפארמירטע, שריפטליכע עלטערן צושטימונג צו מיטטיילן:**

**אינפארמירטע שריפטליכע עלטערן/לעגאלע גארדיען צושטימונג געפאדערט**

☐ **מקור פון רעפערעל באשטעטיגט אז זיי פארמאגן אינפארמירטע, שריפטליכע עלטערן צושטימונג צו ארייננעמען די פאלגנדע אינפארמאציע און סיי וועלכע בייגעלייגטע דאקומענטן.**

**מקור פון רעפערעל אונטערשריפט:** ______________________

**נאך אינפארמאציע פון סיבה פון רעפערעל:**

שטעלט צו נאך אינפארמאציע איבער אנטוויקלונג זארגן. רעכנט אריין סיי וועלכע טעסטס וועלכע זענען געמאכט געווארן און די קינד'ס אויפפירונג אין איין אדער מער אנטוויקלונג הינזיכט וואס קען זיין גערעכנט אלס אן אנטוויקלונג פארשפעטיגונג וואס קען באשטעטיגן די קינד'ס בארעכטיגונג פאר די EIP.

**ביטע צייכנט אלע אויפפירונג הינזיכטן וואו די קינד צייגט פארשפעטיגונגען (רעכנט אריין גילטיגע קאמענטארן אדער באמערקונגען אויב דאקומענטן זענען בייגעלייגט):**

☐ **אדאפטיוו:** ______________________

☐ **קאגניטיוו:** ______________________

☐ **קאמיוניקאציע:** ______________________

☐ **פיזישע (גראבע און פיינע מאטאר סקילס און נעמט אריין זען, הערן, ארעל מאטאר עסן און שלינגען פראבלעמען):**

______________________

☐ **סאושעל-עמאושענאל:** ______________________

☐ **דאקומענטאציע איז בייגעלייגט:** ______________________

☐ **דיאגנאזירטע פראבלעמען (רעכנט אריין דיאגנאז /אינטערנאציאנאלע קלאסיפיצירונג פון קראנקהייטן (ICD-10) קאודס:**

______________________

**נאך רעפערעל איינצלהייטן:** ______________________

**עלטערן/לעגאלע גארדיען אונטערשריפט:** ______________________ **דאטום:** ______ / ______ / __________

**ביטע באמערקט:** אויב די רעפערעל פארם איז אויסגעפולן נעמט אריין אן עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס עלעקטראנישע אונטערשריפט פאר צושטימונג צו ביילייגן קינד רעקארדס/באריכטן, **מוז די אונטערשריפט אויך אריינרעכענען אן עלעקטראנישע אונטערשריפט באשטעטיגונג צייכענער (אוועילעבל דורך אפליקאציעס אזוויי Adobe Acrobat, DocuSign אדג.) וואס רעכנט אריין די דאטום און צייט פון די אונטערשריפט אויף די פארם.** אויב די זיכערהייט מאסנאמע איז נישט אוועילעבל און אן עלטערן/לעגאלע גארדיען אונטערשריפט איז נויטיג פאר טייל 2, מוז די רעפערעל פארם ווערן **געדרוקט** צו ערלויבן די עלטערן/לעגאלע גארדיען צו אונטערשרייבן די צושטימונג אויף די פאפירענעם קאפיע.

☐ מיט עלטערן'ס אינפארמירטע שריפטליכע צושטימונג, ביטע לייגט צו רעקארדס אדער באריכטן וואס קענען העלפן מיט באשטעטיגן בארעכטיגונג פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם.

**Office Use Only**

**FOR OFFICE USE ONLY**

Date Referral Received: ______ /______ / __________ ISC Requested: ______________________ Assigned ISC: __________________

ISC Agency and Phone: (_____) ______- ________ Date of ISC Assignment: ______ / ______ / __________

Data Entry Date: ______ / ______ /__________ Due Date for IFSP: ______ / ______ /__________

*ביטע זעט אנווייזונגען ווען איר ענדיגט אויספולן דעם פארם. פארם קען ווערן געשיקט אויף פאסט, פאקס, אדער געברענגט צו די אורלי אינטערוועשאן פראגראם אין די קינד'ס קאונטי/מוניציפאליטעט פון וואוינארט.

## יארגאנג פאדערונגען פאר רעפערעלס:

רעפערעלס פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם (IEP) זאל געמאכט ווערן פאר קינדער אונטער 3 יאר אלט. אויב א קינד ווערט רעפערירט ווייניגער ווי 45 טעג איידער זייער דריטע געבורטסטאג און זעט אויס צו זיין בארעכטיגט פאר סערוויסעס אונטער אפטיילונגען 4410 פון עדיוקעישאן געזעץ, וועט די אורלי אינטערוועשאן באאמטער (EIO), מיט שריפטליכע צושטימונג פון עלטערן, ווייטער רעפערירן די קינד צו די קאמיטעט אויף פריסקול ספעציעלע עדיוקיעשאן (CPSE) פון די לאקאלע שולע דיסטריקט וואו די קינד וואוינט. די EIO איז נישט געפאדערט צו מאכן אן אפשאצונג, באטראכטונג, אדער אן ערשטע אינדיווידועליזירטע פאמיליע סערוויס פלאן (IFSP) זיצונג פאר קינד רעפערירט אין די 45 טעג איידער זייער דריטע געבורטסטאג.

## טייל 1:

**ענהאלט פראגעס וואס מוזן ווערן גענטפערט ווען מאכנדיג א רעפערעל צו די לאקאלע EIP. רעפערעל פארם *קען* ווערן אריינגעגעבן נאכ'ן אויספולן טייל 1 מיט בלויז טייל 1 אינפארמאציע. עלטערן צושטימונג איז נישט נויטיג אויף אריינצוגעבן די אינפארמאציע אין טייל 1. עלטערן מוזן געמאלדן ווערן איבער די כונה צו רעפערירן און אויב אן עלטערן איז קעגנשטעליג, קען נישט די רעפערעל ווערן געמאכט.**

**זע ביילאגע 1: וואס צו טון ווען עלטערן/לעגאלע גארדיען איז קעגנשטעליג צום רעפערעל.**

ביטע שרייבט קלאר אדער טייפ'ט אלע רעפערעל אינפארמאציע.

**קאונטי וואו קינד וואוינט:**

שרייבט די קאונטי אין וועלכע דאס קינד וואוינט. דאס וועט זיין די קאונטי וואו די EIP וועט געשיקט ווערן.

**דאטום פון רעפערעל:**

דאס איז די דאטום וואס די מקור פון די רעפערעל שיקט אריין די רעפערעל צו די לאקאלע EIP. עס איז וויכטיג אז די רעפערעל דאטומס זאלן זיין פונקטליך.

## קינד אינפארמאציע

**קינד'ס נאמען:**

רעכנט אריין דאס קינד'ס פולע נאמען די ארט אנגעגעבן (קינד'ס לעצטע נאמען, קינד'ס ערשטע נאמען, און קינד'ס מיטל נאמען). ביטע מאכט זיכער אז די קינד'ס נאמען איז געשריבן ריכטיג. נוצט נישט קיין צו-נעמען.

**דאטום פון געבורט:**

קינד'ס געבורט דאטום אויסגעשטעלט אלס יאר/טאג/מאנאט.

**קינד and עלטערן/לעגאלע גארדיען הויפט שפראך אדער מיטל פון קאמיוניקאציע:**

שרייבט די הויפט שפראך אדער מיטל פון קאמיוניקאציע פון די קינד און עלטערן/לעגאלע גארדיען.

**מין:**

צייכנט די קעסטל אונטן צו צייגן די קינד'ס מין (מאן אדער פרוי).

**קינד'ס אדרעס:**

רעכנט אריין די קינד'ס פולע אדרעס (אריינגערעכנט סיי וועלכע דירה נומערן), סיטי, און זיפ קאוד + 4.

**עטניסיטי און ראסע:**

צייכנט די ריכטיגע קעסטל פאר יעדע טייל. מער ווי איין ראסישע באשטימונג קען ווערן אויסגעוועלט פאר א קינד.

**סיבה פאר רעפערעל:**

אין דעם טייל, וועט איר אויסוועלן די סיבה פארוואס איר מאכט די רעפערעל צו די EIP. עס איז וויכטיג אז איר זאלט **אויסוועלן בלויז איין סיבה**.

1. **פארדעכטיגט צו האבן א דיסאביליטי:**
מקור פון רעפערעל פארדעכטיגט אז דאס קינד וואס ווערט רעפערירט האט א דיסאביליטי/אנטוויקלונג פארשפעטיגונג אין איין אדער מער אויפירונג הינזיכט (אדאפטיוו, קאגניטיוו, קאמיוניקאציע, פיזישע (אריינגערעכנט זען, הערן, ארעל מאטאר עסן און שלינגען פראבלעמען), און סאושעל-עקאנאישע) פון אנטוויקלונג. רעפערעלס פאר קינדער וואס זענען פארדעכטיגט אלס האבן א דיסאביליטי (אריינגערעכנט אן אנטוויקלונג פארשפעטיגונג) זאל זיין באזירט אויף:

א. די רעזולטאטן פון אנטוויקלונג סקרינינג אדער דיאגנאסטישע פראצעדור(ן), דירעקטע ערפארונג, נאכקוקן, און פארשטיין דאס קינד'ס אנטוויקלונג פארשריט;

ב. אינפארמאציע געגעבן דורך אן עלטערן וואס צייגט אן אנטוויקלונג פארשפעטיגונג אדער דיסאביליטי;

ג. אדער א פארלאנג דורך אן עלטערן צו מאכן אזא רעפערעל.

**באמערקונג:** קינדער וועלכע זענען נישט אריבער זייער אינפאציענט ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט איידער באפרייט ווערן פון שפיטאל און האבן דורכגעפאלן אן אוטפאציענט קינדער הערן סקרינינג טעסט זענען רעפערירט צום EIP אלס פארדעכטיגט צו האבן א דיסאביליטי, כדי צו באקומען אדער א ווידער-סקרינינג אדער אדער א באשטעטיגונג (דיאגנאסטישע) הערן טעסט לויט ווי די אויערן דאקטער באשליסט. א קינד פארדעכטיגט פון האבן הערן פארלוסט זאל האבן א דיאגנאסטישע אויערן שאצונג איידער ווערן 3 מאנאטן אלט.

2. **באשטעטיגטע דיסאביליטי**
די קינד איז רעפערירט צום EIP וויבאלד זיי האבן א דיאגנזירטע פיזישע אדער גייסטישע צושטאנד וואס האט א הויכע מעגליכקייט פון פאראורזאכן פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג.
**זע ביילאגע 2: דיאגנזירטע פיזישע און גייסטישע צושטאנדן מיט א הויכע מעגליכקייט פון פאראורזאכן פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג**

## **אנטוויקלונג מאניטארן** (קינד געפינס [Child Find] סיסטעם)

3. **אין ריזיקע:**
די קינד האט נישט א דיאגנאזירטע דיסאביליטי און די מקור פון רעפערעל פארדעכטיגט נישט אז דאס קינד פארמאגט יעצט א דיסאביליטי. די קינד ווערט רעפערירט פאר **אנטוויקלונג מאניטארן** וויבאלד די קינד איז **אין ריזיקע** פון האבן א דיסאביליטי.
**זע ביילאגע 3: רעפערעלס פון קינדער אין ריזיקע פון האבן א דיסאביליטי זאלן געמאכט ווערן באזירט אויף די פאלגנדע מעדיצינישע/ביאלאגישע אדער אורלי אינטערווענשאן ריזיקע באדינגונגען**

קינדער אביוז פארמיידונג און באהאנדלונג אקט (CAPTA) רעפערעלס: קינדער וועלכע ווערן רעפערירט צום EIP אונטער די פעדעראלע CAPTA, וועלכע זענען נישט פארדעכטיגט צו האבן א פארשפעטיגונג אדער האבן א דיאגנאזירטע פראבלעם מיט א הויכע מעגליכקייט פון פארשפעטיגונג, וואלטן געווארן רעפערירט אלס **אין ריזיקע**.

4. **אין ריזיקע צוליב דורכפאלן די ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט:**
קינדער זענען אויך רעפערירט צו די אין-ריזיקע קאטאגאריע אויב דאס קינד איז נישט ערפאלגליך אריבער זייער ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט און האט נישט געהאט די נויטיגע פאלאו-אפ באצייטנס אדער עס פעלן דאקומענטן אונטער די פריע הערן אויפכאפ און אינטערווענשן (Early Hearing Detection and Intervention, EHDI) פראגראם.

## **מקור פון רעפערעל אינפארמאציע**

**מקור פון רעפערעל:**

- קאנטאקט אינפארמאציע פאר דער מענטש וואס מאכט די רעפערעל.
- ערשטע נאמען און לעצטע נאמען אין די פלאץ צוגעשטעלט.
- רעכנט אריין אגענטור אדער פאסיליטי אויב דער מענטש ארבעט פאר אן אגענטור.
- רעכנט אריין אדרעס.
- רעכנט אריין א טעלעפאן נומער (מיט עקסטענשין) און פאקס נומער וואו מען קען רעדן מיט די מקור פון רעפערעל אויב נויטיג.
- רעכנט אריין אימעיל וואו מען קען זיך פארבינדן מיט די מקור פון רעפערעל אויב נויטיג. ביטע באמערקט, באשיצטע געזונטהייט אינפארמאציע (PPI) זאל נישט געשיקט ווערן דורך אימעיל. זע די *טייערע מיטארבעטער בריוו - ערקלערונג פאר אורלי אינטערווענשאן פראוויידערס אויף עלטערן צושטימונג צו נוצן אימעיל צו אויסטוישן פערזענליכע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע*, אין **נאך אורלי אינטערווענשאן פראגראם (EIP) רעפערעל אינפארמאציע/ריסארסעס** פאר מער אינפארמאציע.

**זע ביילאגע 4 פאר אלע הויפט רעפערעל קוועלער**

**מקור פון רעפערעל סארט: (וועלט אויס בלויז איינס)** וואס פאסט דאס בעסטע פון די פאלגנדע אונטן

- **עלטערן/לעגאלע גארדיען**
  - עלטערן
  - פריינט/פאמיליע מיטגליד (שילדערט) אויב דער מענטש איז א לעגאלע גארדיען
- **אנדערע פאמיליע מיטגליד (שילדערט)**
  - פריינט/פאמיליע מיטגליד (שילדערט) אויב דער מענטש איז **נישט** א לעגאלע גארדיען
- **קינד'ס הויפט העלטקעיר פראוויידער**
  - דאקטער/קינדער דאקטער (פידיעטרישען)
- **שפיטאל אדער קליניק**
  - שפיטאל
  - העלטקעיר פראוויידער
  - ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט
  - פאבליק/קאמיוניטי העלט פאסיליטיס (קליניק ביי לאקאלע העלט דעפארטמענט)
- **קאמיוניטי פראגראם/EIP פראוויידער**
  - קינד געפינס (Child Find)
  - דעי קעיר פראוויידער
  - EIP פראוויידער
  - העד סטארט פראגראם
  - אין האוס (In House)/מוניציפאליטעט שטאב
  - שולע דיסטריקט אויך באקאנט אלס עדיוקעישאן אגענטור
  - סקרינינג און מאניטארן (אין ריזיקע)
- **אנדערע (שילדערט)**
  - פריינט / פאמיליע מיטגליד (שילדערט) אויב פריינט
  - סאושעל סערוויסעס אגענטורן
  - אנדערע (שילדערט)

## עלטערן/לעגאלע גארדיען אינפארמאציע

**עלטערן/לעגאלע גארדיען אינפארמאציע:**

- ביטע פולט גענצליך אויס די אינפארמאציע.
- ביטע מאכט זיכער אז כאטש איין עלטערן/לעגאלע גארדיען קאנטאקט אינפארמאציע איז אריינגערעכנט און געצליך אויסגעפולט.
- שרייבט אריין די לעצטע נאמען און ערשטע נאמען פון יעדע עלטערן/לעגאלע גארדיען אין די פלאץ צוגעשטעלט, ווי אויך די אדרעס און טעלעפאן נומערן וואו מען קען זיך פארבינדן מיט די עלטערן/לעגאלע גארדיען(ס).
- אויב גילטיג, נעמט אריין דער מענטשן אין עלטערן באציאונג מיטן קינד.

**קעירגעבער/צווייטער קאנטאקט נאמען:**

ווען נויטיג און גילטיג, רעכנט אריין די נאמען און קאנטאקט אינפארמאציע פון נאך א מענטש דורך וועם מען קען זיך פארבינדן מיט די עלטערן.

**פארבינדונג צום קינד:**

צייכנט די קעסטל פאר די ריכטיגע פארבינדונג פון דער מענטש צום קינד.

**קינד'ס נאמען:**

רעכנט אריין דאס קינד'ס פולע נאמען (קינד'ס לעצטע נאמען און קינד'ס ערשטע נאמען). נוצט נישט קיין צו-נעמען.

**קינד'ס געבורט דאטום:**

קינד'ס געבורט דאטום אויסגעשטעלט אלס יאר/טאג/מאנאט.

## טייל 2:

**די טייל קען נאר ווערן אויסגעפולט, און די אינפארמאציע אריינגעגעבן, אויב די עלטערן/לעגאלע גארדיען האט געגעבן שריפטליכע צושטימונג צו אריינרעכענען די אינפארמאציע.**

צייכנט די קעסטל און שרייבט אונטער צו דערקלערן אז איר האט באקומען **שריפטליכע עלטערן צושטימונג** צו אריינרעכענען די אינפארמאציע אין **טייל 2** פון די דאזיגע רעפערעל פארם און לייגט צו סיי וועלכע צוגעקומענע מעדיצינישע אדער אנדערע רעקארדס וועלכע קענען געניצט ווערן צו באשטעטיגן דאס קינד'ס בארעכטיגונג פאר די EIP.

**די אפשאצונג אגענטור אויסגעוועלט וועט נוצן די רעפערעל אינפארמאציע און סיי וועלכע בייגעלייגטע מעדיצינישע רעקארדס צו באשליסן די סארט אפשאצונג נויטיג. עס איז וויכטיג אז מען שיקט מיט אסאך אינפארמאציע מיט די רעפערעל (מיט שריפטליכע עלטערן/לעגאלע גארדיען צושטימונג). די אפשאצונג אגענטור וועט באשליסן אויב א קאמפרעהענסיווע סקרינינג, און/אדער מולטי-דיסיפלענערי אפשאצונג (MDE), אדער אפשאצונג איז נויטיג צו באשטעטיגן בארעכטיגונג פאר די EIP.**

**נאך אינפארמאציע פון סיבה פון רעפערעל:**

די טייל נעמט אריין סיי וועלכע אינפארמאציע וואס איז געזאמלט געווארן איבער די קינד וואס שטיצט די סיבה וואס דאס קינד ווערט רעפערירט צום EIP.

לייגט צו נאך אינפארמאציע איבער אנטוויקלונג זארגן (אריינגערעכנט סיי וועלכע טעסטס וועלכע זענען געמאכט געווארן) און די קינד'ס אויפפירונג אין איין אדער מער אנטוויקלונג הינזיכט וואס קען זיין גערעכנט אלס אן אנטוויקלונג פארשפעטיגונג וואס קען באשטעטיגן די קינד'ס בארעכטיגונג פאר די EIP.

**אויפפירונג ערטער:**

וועלט אויס די אויפפירונג ארט (ערטער) וואו די מקור פון רעפערעל האט אידענטיפיצירט אז דאס קינד צייגט א פארשפעטיגונג אין אנטוויקלונג.

- אדאפטיוו
- קאגניטיוו
- קאמוניקאציע
- פיזישע (גראָס און פיין מאטאר סקילס און נעמט אריין זען, הערן, אראל מאטאר עסן און שלינגען פראבלעמען)
- סאושעל-עמאושענאל

רעכנט אריין סיי וועלכע קאמענטארן פארבינדן מיט די אידענטיפיצירטע פארשפעטיגונגען וואס די דאקומענט איז בייגעלייגט.

**דיאגנאזירטע פראבלעמען און אינטערנאציאנאלע קלאסיפיצירונג פון קראנקהייטן (ICD-10) קאודס:**

מקור פון רעפערעל זאל שילדערן די קינד'ס דיאגנאזירטע פראבלעם און אריינרעכענען די אינטערנאציאנאלע קלאסיפיצירונג פון קראנקהייטן (ICD-10) דיאגנאז קאוד וואס פאסט צו דעם קינד. מען קען אריינרעכענען מער ווי איין דיאגנאזירטע פראבלעם און ICD-10 קאוד אויף די רעפערעל פארם.

**זע ביילאגע 5**

**באמערקונג:** די הויפט מקור פון רעפערעל איז פאראנטווארטליך צו מעלדן פאר'ן עלטערן פון א קינד מיט א דיאגנאזירטע פראבלעם וואס האט א הויכע מעגליכקייט פון רעזולטירן אין פארשפעטיגונג אין אנטוויקלונג, אדער א דיאגנאזירטע אנטוויקלונג פארשפעטיגונג אנגייענד מיט EIP בארעכטיגונג פאדערונגען פון די פאלגנדע:

1. בארעכטיגונג פאר די EIP איז באשלאסן דורך א מולטי-דיסיפלענערי אפשאצונג (multidisciplinary evaluation, MDE).
2. די וויכטיגקייט פון צושטעלן שריפטליכע צושטימונג פאר די הויפט מקור פון רעפערעל צו איבערגעבן רעקארדס אדער באריכטן נויטיג צו שטיצן די דיאגנאז, אדער, פאר עלטערן אדער גארדיענס פון קינדער וועלכע האבן נישט א דיאגנאזירטע פראבלעם, רעקארדס אדער באריכטן וועלכע קענען העלפן מיט באשטעטיגן בארעכטיגונג פאר די פראגראם.

**מיט עלטערן/לעגאלע גארדיען אינפארמירטע שריפטליכע צושטימונג:**

ביטע לייגט צו סיי וועלכע מעדיצינישע אדער אנדערע רעקארדס/באריכטן וועלכע קענען העלפן אין באשליסן א קינד'ס בארעכטיגונג פאר די EIP.

**עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס אונטערשריפט און דאטום:**

**ביטע באמערקט:** אויב די רעפערעל פארם אויסצופולן נעמט אריין אן עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס עלעקטראנישע אונטערשריפט פאר צושטימונג צו ביילייגן קינד רעקארדס/באריכטן, **מוז די אונטערשריפט אויך אריינרעכענען אן עלעקטראנישע אונטערשריפט באשטעטיגונג צייכענער (אוועילעבל דורך אפליקאציעס אזויווי Adobe Acrobat, DocuSign אדג.) וואס רעכנט אריין די דאטום און צייט פון די אונטערשריפט אויף די פארם.** אויב די זיכערהייט מאסנאמע איז נישט אוועילעבל און אן עלטערן/לעגאלע גארדיען אונטערשריפט איז נויטיג פאר טייל 2, מוז די רעפערעל פארם ווערן **געדרוקט** צו ערלויבן די עלטערן/לעגאלע גארדיען צו אונטערשרייבן די צושטימונג אויף די פאפירענעם קאפיע.

**דאס באצייכנט די עלטערן/לעגאלע גארדיען'ס אינפארמירטע שריפטליכע צושטימונג צו איבערגעבן זייער קינד'ס מעדיצינישע אינפארמאציע צו די EIP.**

## בלויז פאר אפיס באנוץ:

די טייל ווערט אויסגעפולט דורך די קאונטי וואס באקומט די פארם.

## נאך אורלי אינטערווענשאן פראגראם (EIP) רעפערעל אינפארמאציע/ריסארסעס:

ניו יארק סטעיט רעגולאציע און פאבליק העלט געזעץ איבער אורלי אינטערווענשאן פראגראם רעפערעלס: טיטל II-A פון ארטיקל 25 פון די פאבליק העלט געזעץ: https://www.nysenate.gov/legislation/laws/PBH/A25T2-A און NYCRR 10 אפטיילונג 69-4.3: רעפערעלס: https://regs.health.ny.gov/content/section-69-43-referrals

**טייערע מיטארבעטער בריוו - ערקלערונג פאר אורלי אינטערווענשאן פראווײדערס אויף עלטערן צושטימונג צו נוצן אימעיל צו אויסטוישן פערזענליכע אידענטיפיצירנדע אינפארמאציע:**
די דאקומענט נעמט אריין אינפארמאציע אויף נוצן אימעיל אין די PIE: https://www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/memoranda/2009-10_early_intervention_parent_consent_to_use_email.htm

**אורלי אינטערווענשאן מעמאראנדאם 94-3: רעפערעל פראצעדורן פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם ווידער ארויסגעגעבן <מאנאט/יאר>.** די דאקומענט ענהאלט ספעציפישע אינפארמאציע איבער מאכן רעפערעלס: https://www.health.ny.gov/guidance/oph/cch/bei/94-3.pdf

**וואו צו שיקן א רעפערעל:**
רעפערעלס מוזן געשיקט ווערן צו די אורלי אינטערווענשאן באאמטער (EIO) אין די קאונטי וואו אייער קינד וואוינט יעצט. הויפט קוועלער פון רעפערעל קענען שיקן רעפערעלס דורך אמעריקאנער פאסט אדער פאקס. מען קען געפונען א ליסטע פון מוניציפאליטעט/קאונטי קאנטאקט אויף: https://www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/county_eip.htm

**אינפארמאציע פאר עלטערן איבער די אורלי אינטערווענשאן פראגראם:**
אורלי אינטערווענשאן פראגראם אינפארמאציע פאר עלטערן געפונט זיך אויף די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט אורלי אינטערווענשאן פראגראם וועבסייט: https://www.health.ny.gov/community/infants_children/early_intervention/index.htm

**די פאלגנדע בראשורן זענען אוועילעבל אומזיסט פאר ניו יארק סטעיט איינוואוינער:**
*פריע הילף מאכט אן אונטערשייד!* (בראשור וואס אונטערשטריכט אנטוויקלונג דערגרייכונגען פאר קינדער פון געבורט ביז דריי יאר אלט)

*אורלי אינטערווענשאן שריט: אן עלטערן'ס איינפאכע וועגווייזער צו די אורלי אינטערווענשאן פראגראם* (די ביכל שילדערט די אורלי אינטערווענשאן פראגראם)

ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט בראשורן:

- *קען אייער קינד אייך הערן?*
- *אייער קינד איז ערפאלגליך אריבער די הערן סקרינינג טעסט*
- *אייער קינד דארף נאך א סקרינינג טעסט*

קלינישע פראקטיק וועגווייזער (ניו יארק סטעיט וועגווייזער שטעלט צו רעקאמענדאציעס באזירט אויף סייענטיפישע באווייז און ערפארענע קלינישע מיינונגען אויף ווירקזאמע פראקטיקן):

- *אוטיסם/באקאנטע אנטוויקלונג פראבלעמען- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*
- *קאמיוניקאציע פראבלעמען- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*
- *דאון סינדראם- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*
- *הער-קראפט פארלוסט- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*
- *מאטאר פראבלעמען- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*
- *זע-קראפט פראבלעמען- אפשאצונג און אינטערווענשאן פאר יונגע קינדער (0-3 יאר אלט)*

די ריסארסעס זענען אוועילעבל עלעקטראניש אויף די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו העלט (NYSDOH) אורלי אינטערווענשאן פראגראם (EIP) וועבסייט. מען קען באשטעלן די ריסארסעס אומזיסט צו ניו יארק איינוואוינער דורך די ניו יארק סטעיט DOH אויסטיילונג סענטער. מען קען האבן צוטריט צו די באשטעלונג פארם אויף די NYSDOHEIP וועבסייט אדער דורך די פאלגנדע לינק: https://www.health.ny.gov/forms/order_forms/eip_publications.pdf

# ביילאגעס

**ביילאגע 1**

**וואס צו טון ווען עלטערן/לעגאלע גארדיען איז קעגנשטעליג צום רעפערעל**

הויפט מקור פון רעפערעל זאל:

- אנהאלטן שריפטליכע דאקומענטן פון די עלטערן'ס קעגנשטעלונג צו די רעפערעל און פאלאו-אפ שריט גענומען דורך די הויפט מקור פון רעפערעל;
- געבן פארן עלטערן די נאמען און קאנטאקט אינפארמאציע פון די אורלי אינטערווענשאן באאמטער (EIO) אויב די קינד איז פארדעכטיגט צו האבן א דיסאביליטי אדער אויב די קינד איז אין-ריזיקע;
- ביז צוויי מאנאטן שפעטער, מאכן נארמאלע פרואוון צו זיך נאכאמאל פארבינדן צום עלטערן, און אויב פאסיג, רעפערירן דאס קינד צו די EIP אויסער אויב די עלטערן איז קעגנשטעליג.

**ביילאגע 2**

---

**דיאגנזירטע פיזישע און גייסטישע צושטאנדן מיט א הויכע מעגליכקייט פון פאראורזאכן פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג: (NYCRR 69-4.3(f 10))**

---

- כראמאסאמעל אבנארמאלקייטן פארבינדן מיט פארשפעטיגונג אין אנטוויקילונג (צ.ב., דאון סינדראם)
- סינדראמס און צושטאנדן פארבינדן מיט פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג (צ.ב., פעטאל אלקאהאל סינדראם)
- נורומוסקולאר דיסארדער (צ.ב., סיי וועלכע דיסארדער וואס איז באקאנט צו ווירקן אויף די צענטראלע נערוויס סיסטעם, אריינגערעכנט סערעברעל פאלסי, ספיינע ביפידע, מייקראסעפאלי, אדער מאקראסעפאלי)
- קלינישע באוייז פון צענטראלע נערוויס סיסטעם (CNS) אבנארמאלקייט נאכפאלגנדיג באקטעריעל/ווייראל אינפעקציע פון די מח אדער קאפ/ספיינעל וואונד
- א פראבלעם מיטן הער-קראפט (א דיאגנאזירטע הער-קראפט פארלוסט וואס קען נישט ווערן פארראכטן מיט באהאנדלונג אדער אפעראציע)
- א פראבלעם מיטן זע-קראפט (א דיאגנאזירטע זע-קראפט פארלוסט וואס קען נישט ווערן פארראכטן מיט באהאנדלונג (געווענליך ברילן אדער קאנטאקט לענסעס אדער אפעראציע)
- דיאגנאזירטע פסיכיאטרישע פראבלעמען (צ.ב., ריאקטיווע אטאטשמענט דיסארדער פון קינדהייט אן)
- עמאושאנעל/אויפפירונג דיסארדער

---

**ביילאגע 3**

**רעפערעלס פון קינדער אין ריזיקע פון האבן א דיסאביליטי זאלן געמאכט ווערן באזירט אויף די פאלגנדע מעדיצינישע/ביאלאגישע אדער אורלי אינטערווענשאן ריזיקע באדינגונגען:**

| ניי-געבוירן ריזיקע באדינגונגען | נאך-ניי-געבוירן ריזיקע באדינגונגען | אנדערע ריזיקע באדינגונגען |
|---|---|---|
| • וואג ביים געבוירן 1000-1501 גראם<br>• איז געבוירן ביי וויניגער ווי 33 וואכן<br>• צענטראלע נערוויס סיסטעם אינסאלט אדער אבנארמאלקייט (ארייגערעכנט ניי-געבוירן סעיזשורס, אינטראקרעיניעל העמארעדזש, נויט פאר ווענטילעיטער שטיצע פאר מער ווי 48 שעה, טראומא פון געבורט)<br>• קאנדזשעניטעל מאלפארמאציעס<br>• אספיקשיע (אפגאר רעטונג פון 3 אדער וויניגער ביי 5 מינוט)<br>• אבנארמאלקייטן אין מוסקל שטארקייט (הייפערטאניסיטי אדער הייפאטאניסיטי)<br>• הייפערבילירובינעמיע (> 20mg/dl)<br>• הייפאגלייסימע (סעראם צוקער אונטער 20 mg/dl)<br>• וואוקס פעלער/נערונג פראבלעמען (צ.ב., קליין פאר געבורט עלטער; באדייטנדע עסן פראבלעמען)<br>• אנוועזנהייט פון אינערגעבוירענע מעטאבאליק דיסארדער (IMD)<br>• פערינעיטאלי אדער קאנדזשעניטלי איבערגעגעבענע אינפעקציע (צ.ב., HIV, העפאטייטיס B, סיפיליס)<br>• 10 אדער מער טעג שפיטאליזירט אין א ניאנעיטעל אינטענסיוו קעיר יוניט (NICU)<br>• אלקאהאל אביוז פון מאמע איידער געבורט<br>• אומלעגאלע סאבסטענץ אביוז פון מאמע איידער געבורט<br>• אויסגעשטעלטקייט פון מאמע איידער געבורט צו טעראפעיטישע דראגס מיט באקאנטע מעגליכע אנטוויקלונג ווירקונגען (צ.ב., פסיכיאטריק מעדיצינען, אנטיקאנוואלסענט, אנטיניאפלעסטיק)<br>• PKU אין מאמע<br>• ריזיקע פון הער-קראפט פארלוסט באזירט אויף פאמיליע היסטאריע ארייגערעכנט סינדראמען פארשטעלונג אדער דורפאל פון ערשטע ניי-געבוירן הערן סקרינינג טעסט און די קינד דארף פאלאו-אפ סקרינינג.<br>• ריזיקע פון זע-קראפט פארלוסט ארייגערעכנט פאמיליע היסטאריע פון פראבלעמען וועלכע פאראורזאכן בלינדקייט אדער שטארקע זע-קראפט פארלוסט.<br>• אנוועזנהייט פון א גענעטישע סינדראם וואס קען פאראורזאכן א העכערע ריזיקע פון פארשפעטיגונג אין אנטוויקלונג | • עלטערן אדער קעירגעבער זארג איבער אנטוויקלונג סטאטוס<br>• ערנסטע קראנקהייט אדער טראומאטישע וואונד מיט ווירקונגען אויפן צענטראלע נערוויס סיסטעם אנטוויקלונג און פאדערנדיג שפיטאליזאציע אין א קינדער אינטענסיוו קעיר יוניט פאר 10 טעג אדער מער<br>• הויכע ווענוס בלוט שטאפלען (אויף אדער איבער 15 mcg/dl)<br>• וואוקס פראבלעם/נערונג פראגראמען (צ.ב., באדייטנע ארגאנישע אדער נישט ארגאנישע פעלער צו וואקסן, באדייטנדע אייזן-פעלער אנעמיע<br>• כראנישקייט אדער ערנסטע אטיטיס מעדיע (אנגייענד פאר א מינימום פון 3 מאנאטן)<br>• HIV אינפעקציע<br>• פארצייכנטע קעיס פון טשיילד אביוז אדער נישט-ריכטיגע באהאנדלונג | • קיין קעיר איידער געבורט<br>• אנטוויקלונג דיסאביליטי אדער דיאגניזירטע ערנסטע און אנגייענדע גייסטישע קראנקהייט איידער געבורט<br>• סובסטאנץ אביוז איידער געבורט<br>• קיין געזונטע מעדיצינישע קעיר פארן קינד ביז 6 מאנאטן אלט אדער באדייטנדע פארשפעטיגונג אין וואקסינען<br>• אנדערע ריזיקע באדינגונגען אויסגערעכנט דורך די הויפט מקור פון רעפערעל |

## ביילאגע 4

### הויפט קוועלער פון רעפערעל

די פאלגנדע הויפט קוועלער פון רעפערעל זאל, ביז **צוויי ארבעטס טעג** פון אידענטיפיצירן א קינד וואס איז וויניגער ווי דריי יאר אלט און פארדעכטיגט צו האבן א דיסאביליטי אדער אין ריזיקע פון האבן א דיסאביליטי, רעפערירן אזא קינד צו די באאמטער באשטימט דורך די מוניציפאליטעט, אויסער אויב די קינד איז שוין רעפערירט געווארן אדער אויב די עלטערן זענען קעגנשטעליג:

- אלע מענטשן וועלכע זענען קוואליפיצירטע שטאב מיטגלידער וועלכע געבן סערוויסעס אויפ'ן פארנעם ערלויבט דורך זייער לייסענס, סערטיפיקאציע אדער רעגיסטראציע
- אלע בארעכטיגטע אפשאצער, סערוויס קאארדינעיטער, און פראוויידערס פון אורלי אינטערווענשאן סערוויסעס
- שפיטעלער
- טשיילד העלט קעיר פראוויידערס
- דעי קעיר פראגראמען
- לאקאלע העלט יוניטס (לאקאלע העלט דעפארטמענט)
- לאקאלע שולע דיסטריקטס
- לאקאלע סאושעל סערוויס דיסטריקטס ארייגערעכנט פאבליק אגענטורן און שטאב אין די טשיילד וועלפעיר סיסטעם
- פאבליק העלט פאסיליטיס
- דאמעסטישע געוואלדטאטן שעלטערס און אגענטורן
- היימלאזע פאמיליע שעלטערס
- אנפירער פון סיי וועלכע קליניק באשטעטיגט אונטער ארטיקל 28 פון די פאבליק העלט געזעץ, ארטיקל 16 פון די גייסטישע ריינקייט געזעץ, אדער ארטיקל 31 פון די גייסטישע ריינקייט געזעץ

## ביילאגע 5

א יעצטיגע ליסטע פון *אינטערנאציאנאלע דיאגנאזירטע צושטאנדען קאודס (ICD-10 קאודס)* און זייער דעזיגנאציע אלס א קוואליפיצירטע דיאגנאזירטע צושטאנד מיט א הויכע מעגליכקייט פון רעזולטירן אין פארשפעטיגונגען אין אנטוויקלונג פאר באנוץ אין באשטעטיגן בארעכטיגונג פאר די אורלי אינטערווענשאן פראגראם געפינט זיך און מען קען האבן צוטריט דערצו אויף די העלט קאמערס סיסטעם (HCS) אין די סטעיט אורלי אינטערווענשאן אינפארמאציע סיסטעם.

פאר די וועלכע האבן נישט צוטריט צו HCS און די סטעיט אורלי אינטערווענשאן אינפארמאציע סיסטעם, קען מען אויך האבן צוטריט צו די אינפארמאציע דורך די סטעיט פיסקעל אגענט'ס (PCG) וועבסייט: www.eibilling.com. די לעצטע אפדעיטעד ליסטע פון ICD קאודס קען מען געפונען נוצנדיג די זוכעריי אפציע אין די וויסנשאפט באזע (Knowledge Base) אויסוואל אויף די וועבסייט.